
אייניקייט
אָרגאַן פונעם ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין פססר
«ЭЙНИКАЙТ» (Единение)
«EINIKAIT» (Unity)
ОРГАН ЕВРЕЙСКОГО АНТИФАШИСТСКОГО КОМИТЕТА В СССР
אונטער לענינס פאָן,
אונטער סטאַלינס
פירערשאַפט


מערדער
פון
פעלקער
II זאמלונג


אײַלאַנד
ליטעראַרישער
זאַמלבוך
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1943


Клоога
Рига
Шауляй
Двинск
Минск
Собибор
Харьков
Одесса
Ставрополь
דאס שווארצע בוך


יוסף קערלער
12 אויגוסט
1952

# Le Comité antifasciste juif : de l'aurore à la Nuit des poètes assassinés

« Frères juifs [...] partout dans le monde, l'Histoire appelle chacun d'entre vous à être, avec son fusil ou avec sa parole, selon les lieux, un soldat de la guerre éternelle contre le fascisme ». Tel est l'appel du poète Perets Markish (1895-1952) enregistré pour un film d'actualité à Moscou le 30 août 1941, c'est-à-dire quelques mois après l'invasion de l'Union soviétique par les Allemands. C'est le début d'un processus qui mènera à la création du Comité antifasciste juif (CAJ), à l'avant-garde dans la lutte contre l'hitlérisme.

Officiellement constitué au printemps 1942 seulement, en tant que département du Bureau d'information soviétique, le comité réunit plus de cent écrivains et intellectuels juifs. Le pouvoir soviétique est convaincu qu'une telle section juive aura une action décisive sur le front de la propagande. Sous le patronage de l'État, le CAJ travaille néanmoins dans des conditions très difficiles. Pris en étau entre l'implacable contrôle du pouvoir et l'urgence d'alerter face au Génocide, il mène pourtant à bien de nombreuses missions : entre 1941 et 1945, il rédige sur la guerre et le Génocide plus de 23 000 textes en plusieurs langues et formats qui sont envoyés à 264 journaux dans treize pays et territoires, parmi lesquels les États-Unis et la Palestine.

Le comité ne se contente pas de diffuser des informations par ces médias. Point culminant de son activité, le *Livre noir* est un recueil de témoignages conçu à l'initiative de la première délégation juive soviétique en Amérique du Nord en 1943. Sous l'égide du CAJ, c'est un projet international de recherches sur le Génocide, mené conjointement avec le Congrès juif mondial, le Comité américain des écrivains, artistes et chercheurs juifs, ainsi qu'avec le Conseil national juif de Jérusalem.

Après la victoire de Stalingrad et le soulèvement du ghetto de Varsovie, l'acteur Shloyme Mikhoels (1890-1948) et l'écrivain Itsik Fefer (1900-1952), respectivement président et secrétaire du CAJ, se voient confier la tâche de persuader les Alliés d'ouvrir un deuxième front contre l'Allemagne. Au cours de leur tournée à travers l'Amérique du Nord, les délégués veulent également créer un espace culturel international de solidarité et démasquer le « véritable visage du fascisme ». Rien qu'aux États-Unis, 350 000 personnes assistent aux meetings auxquels ils participent. Ils gagnent aussi une large audience au Canada, au Mexique, à Cuba et au Royaume Uni.

Mais si le *Livre noir*, l'une des réussites de cette tournée, est publié aux États-Unis en 1946, il ne verra jamais le jour en Union soviétique. L'ouvrage est la première victime d'une série de persécutions staliniennes commencées dès 1946 à l'encontre de l'intelligentsia juive et du CAJ qui défend l'idée de l'internationalisme. Mikhoels est assassiné à Minsk en janvier 1948, le CAJ est liquidé en novembre de la même année. Accusés de « nationalisme bourgeois », de complot anti-soviétique et de trahison, d'éminents intellectuels juifs sont arrêtés et déportés au goulag. Au printemps 1952, quinze autres personnalités du monde culturel sont déclarées coupables lors d'un procès à huis clos. Treize d'entre elles sont condamnées à mort et exécutées le 12 août 1952 à Moscou, parmi lesquelles Dovid Bergelson, Itsik Fefer, Perets Markish, Dovid Hofshteyn, Leyb Kvitko et Binyomin Zuskin.

*Miriam Schulz*

# פֿון די „בלינדיקע" טעג פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט צו דער „נאַכט פֿון די אומגעברענגטע דיכטערס"

„ברידער ייִדן [...] אין אַלע טיילן פֿון דער וועלט, ווו מיט אַ ביקס און ווו מיט אַ וואָרט" – האָט פּרץ מאַרקיש (1952–1895) געמאָנט – „זײַט איר באַרופֿן פֿון דער געשיכטע זײַן איצטער סאָלדאַטן אין דער אייביקער קריג מיט דעם פֿאַשיזם". מאַרקישעס אויפֿרוף איז געווען אַ טייל פֿון אַ נײַעס־פֿילם, וואָס איז רעקאָרדירט געוואָרן פֿאַר ייִדן אין גאָר דער וועלט דעם 30סטן אויגוסט 1941 אין מאָסקווע – אַ פּאָר חדשים נאָכן דײַטשישן אָנפֿאַל אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד. די מלחמהדיקע אויגוסטטעג 1941 זײַנען געווען דער אָנהייב פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט (יאַ"ק) – אַן אַוואַנגאַרד אין קאַמף קעגן היטלעריזם.

אָפֿיציעל איז דער קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון איבער הונדערט סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער און אינטעליגענטן, געגרינדט געוואָרן ערשט פֿרילינג 1942 ווי אַן אָפּטייל פֿון דעם סאָוועטישן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ. די סאָוועטישע מאַכט איז געווען איבערגעצײַגט אַז אַזאַ ייִדישע סעקציע איז אַנטשיידנדיק אויפֿן פּראָפּאַגאַנדיסטישן פֿראָנט. כאָטש דער קאָמיטעט איז געווען פּאַטראָנירט פֿון דער מלוכה, האָט ער געאַרבעט אונטער גאָר שווערע באַדינגונגען: אונטער אַ שטרענגן קאָנטראָל פֿון דער מאַכט און אין אָנגעזיכט פֿונעם חורבן. פֿון דעסט וועגן האָט ער אַ סך אויפֿגעטאָן: פֿון 1941 ביז 1945 האָט ער צונויפֿגעשטעלט מער ווי 23 000 טעקסטן אין כלערליי פֿאָרמאַטן און שפּראַכן וועגן דער מלחמה און דעם חורבן, און זיי געשיקט צו 264 צײַטונגען אין דרײַצן לענדער און טעריטאָריעס, צווישן זיי די פֿאַראייניקטע שטאַטן און פּאַלעסטינע. פֿאַרשפּרייטן אינפֿאָרמאַציעס אויף דעם אופֿן איז אָבער ניט געווען גענוג.

דער שפּיץ פֿון זײַן אַקטיוויטעט האָט געדאַרפֿט זײַן דאָס שוואַרצע בוך – אַן אַנטאָלאָגיע גבֿית־עדותן, אַן איניציאַטיוו פֿון דער ערשטער סאָוועטיש־ייִדישער דעלעגאַציע, וואָס איז געפֿאָרן קיין צפֿון־אַמעריקע אין 1943. דער יאַ"ק איז געשטאַנען בראָש פֿון דעם־אָ אינטערנאַציאָנאַלן פּראָיעקט פֿון חורבן־פֿאָרשונג, וואָס ער האָט דורכגעפֿירט צוזאַמען מיט דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט פֿון ייִדישע שרײַבער, קינסטלער און פֿאָרשער, און אויך דעם ירושלימער וועד־הלאומי.

נאָכן נצחון בײַ סטאַלינגראַד און דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד, האָבן שלמה מיכאָעלס (1948–1890), פֿאָרזיצער פֿון יאַ"ק, און איציק פֿעפֿער (1952–1900), דער סעקרעטאַר, באַקומען די אויפֿגאַבע איבערצוצײַגן די אַלײִרטע צו עפֿענען אַ צווייטן פֿראָנט קעגן דײַטשלאַנד. דאָך האָבן די דעלעגאַטן אויף זייער טורנע איבער צפֿון־אַמעריקע אויך געוואָלט שאַפֿן סײַ אַן אינטערנאַציאָנאַלן קולטורום פֿון סאָלידאַרישקייט, סײַ אַנטפּלעקן דעם „אמתן פּרצוף פֿון פֿאַשיזם". אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַליין זײַנען בײַגעווען בײַ זייערע עפֿנטלעכע אויפֿטריטן איבער 350 000 מענטשן. אומגעציילטע אַנדערע זײַנען בײַגעווען אין קאַנאַדע, מעקסיקע, קובאַ און ענגלאַנד.

דאָס שוואַרצע בוך – אַ פּועל־יוצא פֿון דעם גאָר דערפֿאָלגרײַכן טורנע – איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַמעריקע אין 1946. עס איז אָבער קיין מאָל ניט אַרויס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. דאָס בוך איז געווען דער ערשטער קרבן פֿון אַ ריי סטאַליניסטישע אַקציעס וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן בהדרגה אַרום 1946: אַן אָנגרײַף אי קעגן דער ייִדישער אינטעליגענץ אי קעגן דעם מין אינטערנאַציאָנאַליזם וואָס דער קאָמיטעט האָט פֿאַרטראָטן. מיכאָעלס איז דערהרגעט געוואָרן אין מינסק אין יאַנואַר 1948; דער יאַ"ק איז פֿונאַנדערגעלאָזט געוואָרן אין נאָוועמבער; פֿירנדיקע ייִדישע אינטעליגענטן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן צוליב פֿאַבריצירטע באַשולדיקונגען אין בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, אַנטיסאָוועטישע פֿאַרשווערונגען און בגידה. אַ סך אומשולדיק פֿאַרמישפּטע זײַנען פֿאַרשיקט געוואָרן אין גולאַג. קעגן פֿופֿצן אַנדערע איז פֿאַרפֿירט געוואָרן אַ געהיימער פּראָצעס אין פֿרילינג 1952. דרײַצן פֿון זיי האָבן באַקומען טויטאורטייל. דעם 12טן אויגוסט 1952 זײַנען זיי דערמאָרדט געוואָרן אין מאָסקווע – צווישן זיי דוד בערגעלסאָן, איציק פֿעפֿער, פּרץ מאַרקיש, דוד האָפֿשטיין, לייב קוויטקאָ און בנימין זוסקין.

מרים שולץ